# מצות תפלה

די מצוה פון תפלה[1] ווערט אַרויסגעלערנט[2] פון פסוק[3] **"ולעבדו בכל לבבכם"** (און צו דינען אים מיט דיין גאַנצן האַרצן). ווי די חז"ל[2] טייטשן, **"איזוהי עבודה שהיא בלב הוי אומר זו תפלה"** (וועלכע "עבודה" איז אין האַרצן? – דאָס איז דאַוונען).

דאַוונען מיינט – עבודת ה', **דינען** דעם אויבערשטן, וואָס דורך דעם וואָס אַ איד ווערט אַן "עבד" פון אויבערשטן, ווערט ער באַהאָפטן מיט אים.

ביים דאַוונען דאַרף מען זיך אַוועקשטעלן פאַר דעם אויבערשטן "כעבדא קמי' מרי'" (ווי אַ קנעכט וואָס שטייט פאַר זיין אדון)

און ווי די חז"ל[4] זאָגן אַז ביים דאַוונען דאַרף מען זיך אַוועקשטעלן פאַר דעם אויבערשטן **"כעבדא קמי' מרי'"** (ווי אַ קנעכט וואָס שטייט פאַר זיין אדון). מען ווערט אויס "מציאות" פאַר זיך, מ'איז פאַרבונדן אינגאַנצן מיט'ן אויבערשטן.

און תפילה איז שייך אפילו ביי אַ קליין אידיש קינד, וואָס מען לערנט אים אויס צו אָנהויבן זיין טאָג מיט זאָגן "מודה אני"[5], וואָרום אויך "מודה אני", ווען מען דאַנקט און לויבט דעם אויבערשטן פאַר אומקערן אונזער נשמה, איז אַן ענין פון תפילה, ווייל דאַוונען הויבט זיך אָן מיט זאָגן **"שבחו של מקום"**[6] (לויב פון אויבערשטן), און דערנאָך זאָגט מען ברכות השחר און אַזוי ווייטער, ביז תפלת שמונה עשרה.

קומט אויס, אַז אפילו אַ קליין אידיש קינד דאַרף מען מחנך זיין זיך צו פאַרבינדן מיט'ן אויבערשטן.

❦ ❦ ❦

אט דער ענין, אַז די הויפּט זאַך פון דאַוונען איז די "דביקות" אין אויבערשטן, ווערט אויך אונטערשטראָכן אין תפילת שמונה עשרה:

די תקנה פון "תפילת העמידה" איז אין אָנפאַנג געווען צו זאָגן אַכצן ברכות (וואָס דערפאַר ווערט די תפלה אָנגערופן "שמונה עשרה"), און ערשט שפּעטער האָבן חכמי ישראל צוגעגעבן נאָך אַ ברכה – די ברכה פון "ולמלשינים" (קעגן אפּיקורסים און דאָס גלייכן).

די גרעסטע נויט פון אַ אידן איז – ער זאָל זיין פאַרבונדן מיטן אויבערשטן

און דער רמב"ם[7] ערקלערט דעם טעם אויף דעם:

אין דער צייט פון רבן גמליאל זיינען געווען אַ סך אפּיקורסים צווישן אידן וועלכע האָבן געפּרואווט איינריידן אידן "**לשוב מאחרי השם**" (צו אָפּקערן זיך פון ג-ט). וויבאַלד מען האָט געזען אַז "**זו גדולה מכל צרכי בני אדם**" – דאָס איז גרעסער פון אַלע אַנדערע מענטשלעכע באַדערפענישן – האָט מען מתקן געווען די ברכה פון "ולמלשינים".

זעט מען דערפון, אַז די **גרעסטע נויט** פון אַ אידן איז – ער זאָל זיין פאַרבונדן מיטן אויבערשטן, און דעריבער, ווען די חכמי ישראל האָבן געזען אַז עס פעלט אין דעם ענין, האָבן זיי אַריינגעשטעלט אַ ספּעציעלע תפילה אויף דעם.

און דאָס איז אויך דער טעם פאַרוואָס די ערשטע מצוה וואָס ווערט געבראַכט אין רמב"ם[8] איז – "**לידע שיש שם מצוי ראשון**", צו וויסן אַז דער אויבערשטער איז דער באַשעפער פון אַלע באַשעפענישן, וואָס דורך דעם ווערט מען דבוק אין אויבערשטן.

די חז"ל[9] זאָגן: "**עבד מלך מלך**" – דער קנעכט פון אַ קעניג איז ווי דער קעניג אַליין.

**ווען עס קומט צו דינען דעם אויבערשטן, פירט ער זיך ווי אַ "מלך" וואָס קיינער איז ניט קיין בעל-הבית אויף אים**

קומט אויס, אַז ווען אַ איד דאַוונט, און שטייט פאַר'ן אויבערשטן ווי אַן **עבד**, איז דאָס אַליין גיט אין אים אַריין אַ שטאַרקייט (ווי די שטאַרקייט פון אַ מלך).

ובמילא, ווען עס קומט צו דינען דעם אויבערשטן, במשך דעם גאַנצן טאָג, פירט ער זיך לויט דעם רצון פון אויבערשטן, און ווערט ניט באַווירקט פון דעם וואָס טוט זיך אַרום אים. פאַרקערט: ער פירט זיך אויף ווי אַ "מלך", נאָך זייענדיק אין גלות, וואָס קיינער איז ניט קיין בעל-הבית אויף אים.

ולמשל:

ווען עס קומט צו חינוך פון קינדער, איז ווויסנדיק אַז זיין קינד איז "**בנו של הקדוש ברוך הוא**" (דעם אויבערשטנ'ס אַ קינד), און אַ "פקדון" וואָס דער אויבערשטער האט געגעבן די עלטערן, ערציט ער דעם קינד ווי עס דאַרף צו זיין, אין דעם וועג פון אידישקייט, און ווערט ניט נתפעל פון דער סביבה.

* * *

ויהי רצון, אַז דורך דעם וואָס אונזער "עבודת התפלה" און "ביטול" צום אויבערשטנ'ס רצון וועלן זיין בשלימות,

זאָל מען זוכה זיין און קומען צו דער ערפילונג פון עיקר הרצון, עיקר כל הברכות, די ברכה פון "**את**[10] **צמח דוד עבדך מהרה תצמיח כו' כי לישועתך קוינו כל היום**";

ווייל דער אויבערשטער איז זיכער מקיים די תפלות פון כל ישראל און די "באַדערפעניש" פון כל ישראל.

אָנהויבנדיק דערפון וואָס נאָך זייענדיק אין זמן הגלות האָט מען "**בני חיי ומזוני רויחי**";

ביז דער אויבערשטער איז מקיים די בקשה פון דעם צורך הכי עיקרי, וואָס זי איז "**גדולה מכל צרכי בני אדם**", דער היפך פון "לשוב מאחרי השם" – ידיעת השם אין דער פולסטער שלימות, ווי עס וועט נתגלה ווערן לעתיד לבוא, "**מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים**"[11].

(ל"ג בעומר תשד"מ)

1) ספר המצות להרמב"ם מצות עשה ה. 2) תענית ב, א. הובא בספר המצות שם. רמב"ם ריש הלכות תפלה.
3) עקב יא, יג. 4) ראה שבת י, א. 5) שולחן ערוך אדמו"ר הזקן מהדו"ק סימן א סעיף ה. מהדו"ת סימן א סעיף ו.
6) רמב"ם הלכות תפלה פרק א' הלכה ב'. 7) שם ריש פרק ב'. 8) רמב"ם הלכות יסודי התורה פרק א' הלכה א'.
9) ספרי ופרש"י דברים א, ו. ובכ"מ. 10) נוסח תפילת שמונה עשרה. 11) ישעי' יא, ט.